


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### דער אויבערשטער באשטראפט מיט חסד און רחמים

**וַתֵּצֵא אֵשׁ מִלִּפְנֵי ה' וַתֹּאכַל אוֹתָם וַיָּמֻתוּ לִפְנֵי ה'** (י, ב). עס שטייט אין חז"ל (תענית יא.), דער אויבערשטער באשטראפט די צדיקים אויף די וועלט אויף זייערע קליינע עבירות, כדי זיי זאלן ארויפקומען אויף יענע וועלט אן קיין עבירות.

**אבער** אפילו ווען דער אויבערשטער באשטראפט א מענטש אויף די וועלט קומט עס צוזאמען מיט אסאך חסדים, און באשטראפט נאר די וויניגסטע וואס איז שייך אז דער מענטש זאל אפקומען זיינע עבירות.

**אזוי** ווי מען טרעפט מורא'דיגע ווערטער אין מדרש (איכה רבה א, מב) אויפן פסוק (איכה א, יד) **נִשְׂקַד עֹל פְּשָׁעַי בְּיָדוֹ**, דרש'נט דער מדרש די ווארט **נִשְׂקַד** אז עס קען אויך מיינען **נִשְׁקַד**, וואס איז א לשון פון קלערן און טראכטן.

**זאגט** דער מדרש, איידער דער אויבערשטער האט פארטריבן די אידן אין גלות, האט ער געקלערט און געטראכט ווען ער זאל דאס טון, און האט עס נישט געוואלט מאכן אין די ווינטער'דיגע חדשים, וואס דעמאלטס וועלן די אידן פארקילט ווערן אויף די וועגן, און וועלן נישט האבן וואס צו עסן פרוכט פון די ביימער, און וועלן אויסגיין פון קעלט און הונגער.

**נאר** האט עס ענדערש געמאכט אין די זוממער'דיגע טעג, ווען עס איז נישט קאלט, און די ביימער זענען באוואקסן מיט געצייטיגטע פרוכט, אזוי אז ווען מען וועט פארטריבן ווערן אין גלות, און מען וועט דארפן שלאפן אינדרויסן, וועט מען נישט פארקילט ווערן, און מען וועט האבן וואס צו עסן אויף די וועגן.

**דאס** אלעס האט דער אויבערשטער געטון אפילו ווען עס איז נגזר געווען אויף כלל ישראל אז מען דארף זיי באשטראפן אין פארטרייבן אין גלות, האט עס דער אויבערשטער געמאכט מיט חסד און רחמים, אז עס זאל זיין מיט די וויניגסטע צער פאר אידישע קינדער. (אות ד' ד"ה ובזה יבואר)




### מען דארף דאנקן אויף יסורים און צער

**וַתֵּצֵא אֵשׁ מִלִּפְנֵי ה' וַתֹּאכַל אוֹתָם וַיָּמֻתוּ לִפְנֵי ה'** (י, ב). עס שטייט אין חז"ל (תענית יא.), אזוי ווי דער אויבערשטער באשטראפט די רשעים אויף יענע וועלט, אויף יעדע קליינע עבירה וואס זיי האבן געטון, די זעלבע באשטראפט דער אויבערשטער די צדיקים אויף די וועלט אויף זייערע קליינע עבירות, כדי זיי זאלן ארויפקומען אויף יענע וועלט אן קיין עבירות.

**און** ווען א מענטש גייט אריבער א צרה דארף ער וויסן אז דאס איז פאר זיין טובה כדי ער זאל אפקומען זיינע עבירות, און ער דארף דאנקן דער אויבערשטער אז די צרה איז נישט געווען גרעסער, ווייל דער אויבערשטער באשטראפט זיינע צדיקים נאר אביסל אויפאמאל כדי זיי זאלן צוביסלעך אפקומען זייערע יסורים.

**מיט** דעם קען מען מרמז זיין פשט אינעם פסוק (תהלים קלו, א), **הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ**, דער פסוק רעדט פון איינער וואס איז אריבער א צרה און איז געהאלפן געווארן און דאנקט דער אויבערשטער. דעריבער זאגט דער פסוק **הוֹדוּ לַה'** דאנק דער אויבערשטער אויף די צרה וואס דו האסט געהאט, **כִּי טוֹב** ווייל דאס איז געווען פאר דיין טובה וועגן, וואס דערמיט ביסטו אפגעקומען יסורים, און דער אויבערשטער האט בלויז באצאלט צוביסלעך נישט אלעס אויף איינמאל.

**און** אזוי אויך דאנק דער אויבערשטער **כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ** אפילו ווען ער האט דיר יא באשטראפט איז דאס בלויז געווען א קליינע שטראף וואס איז געווען פול מיט חסדים און רחמים, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (פסחים פז:) 'אפילו בשעת כעסו של הקדוש ברוך הוא זוכר את הרחמים'. (אות ד' ד"ה ובזה יבואר)

---

**הוצאת הגליון והפצתו לזכות**

**לזכר נשמת**

רבינו הקדוש
רבי ישעיה בן
הרה"ק רבי משה
זצוקלה"ה
מקרעסטיר
נלב"ע ג' אייר תרפ"ה

רבי אריה ליב בן
הרה"ק רבי משה
זצוקלה"ה
הגאון הנודע
מהרי"ל צינץ
נלב"ע ג' אייר תקצ"ג

אשר פועלים ישועות ופלאות
בקרב הארץ

זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

**לעילוי נשמת**

ימילה בת יהודה
ע"ה בהר
נלב"ע ג' אייר תשס"ג ת.נ.צ.ב.ה.

**הצלחה וברכה**

צבי יצחק דוב
בן גיטל חיה
וזוגתו מרים סאבל
בת אסתר
שיזכו לכל הברכות של המחבר זי"ע
בקרוב ובניקל

**לזכות ולברכה**

להצלחת השותפים
התורמים
ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה
בני בריכי חיי אריכי ומזוני
רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

**ברכות וישועות**

מרדכי בן רחל
שיזכה לזיווג הגון פרנסה טובה
ועשירות גדולה ומציאת דירה לקניה
במהרה ובריאות איתנה

**הצלחה ועושר**

דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה
עושר וכבוד
ובשורות טובות בקרוב ממש

**הצלחה מרובה**

שאול בן רחל
לשפע וברכה עושר והצלחה
גדולה בעסקיו בלי דאגות ולחצים
ימצא חן בעיני האדם
ויתרבו לקוחותיו ויצליח מאד
בהשתדלות שעושה בתקופה זו

**ישועה והצלה**

ישעיה בן צלחה
שיתבטלו כל הבעיות
המשפטיות כעפרא דארעא
כפי שבטלו הראשונות

**עושר ואושר**

ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו ויהיה ברכה
ושפע רב בקרוב ממש מתוך מנוחת
הגוף והנפש וימצא חן בעיני כולם

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הזרע שמשון

# א צרה וואס קומט אויף א מענטש איז פאר זיין גוט'ס

**וַתֵּצֵא אֵשׁ מִלִּפְנֵי ה' וַתֹּאכַל אוֹתָם וַיָּמֻתוּ לִפְנֵי ה'** (י, ב). יעדע צרה וואס א מענטש גייט אריבער איז פאר זיין טובה, וואס דורכדעם קומט ער אפ יסורים אויף די וועלט, ווי איידער ער זאל באשטראפט ווערן אויף יענע וועלט וואס דארט איז דער עונש אסאך שווערער. און מען דארף דאנקן דער אויבערשטער אויף דעם, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות נד.) 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה'.

**אויב** אזוי שטעלט זיך די קשיא, פארוואס שטייט אין חז"ל (ברכות שם) ווען א מענטש הערט א שלעכטע בשורה מאכט ער די ברכה 'ברוך דיין האמת'? אויב איז דאס גוט וואלט ער געדארפט מאכן די ברכה 'ברוך הטוב והמטיב' וואס מען מאכט ווען מען הערט א גוטע בשורה.

**נאר** מען קען ערקלערן, אויב וואלט ער געמאכט 'ברוך הטוב והמטיב' וואלט מען געקענט זאגן אז ער דאנקט דער אויבערשטער וואס האט אים בלויז באשטראפט מיט דעם און נישט מיט א גרעסערע שטראף, וואס לויט זיינע עבירות וואלט ער געדארפט באקומען אסאך א גרעסערע שטראף.

**און** עס שטייט אין חז"ל (ברכות ט.), א מענטש זאל קיינמאל נישט גרויס מאכן זיינע עבירות כדי נישט צו מעורר זיין דינים ח"ו. דעריבער דאנקט מען דער אויבערשטער און מען מאכט די ברכה 'דיין האמת', וואס דערמיט בארעכטיגט מען דער שטראף פונעם אויבערשטן אז דאס איז זיך באמת געקומען, און אז מיט דעם האט מען שוין פולשטענדיג באקומען דער עונש און יוצא געווען נאר מיט דעם. (אות ד' ד"ה וא"ת)

## דאנקן דער אויבערשטער אין יעדע מצב

**וַתֵּצֵא אֵשׁ מִלִּפְנֵי ה' וַתֹּאכַל אוֹתָם וַיָּמֻתוּ לִפְנֵי ה'** (י, ב). יעדע צרה וואס א מענטש גייט אריבער איז פאר זיין טובה, וואס דורכדעם קומט ער אפ יסורים אויף די וועלט, און מען דארף דאנקן דער אויבערשטער אויף דעם, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (ברכות נד.) 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה'. און די גמרא זאגט (שם ס:) 'לקבולינהו בשמחה', מען דארף מקבל זיין די יסורים בשמחה.

**די** גמרא דארט ברענגט עטליכע מקורות ווי מען זעט אז מען דארף דאנקן דער אויבערשטער און מקבל זיין יעדע מצב בשמחה אפילו ווען עס גייט נישט גוט פארן מענטש: 'רב אחא בשם רבי לוי' ברענגט דער פסוק (תהלים קא, א), **חֶסֶד וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה לְךָ ה' אֲזַמֵּרָה** (סיי ווען עס איז חסד, און סיי ווען עס איז משפט, דארף מען דאנקן דער אויבערשטער). 'רבי שמואל בר נחמני' ברענגט דער פסוק (תהלים נו, יא) **בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר** (סיי ווען עס איז בה' - מדת הרחמים, און סיי ווען עס איז אלקים - מדת הדין, דארף מען דאנקן דער אויבערשטער). 'רבי תנחום' ברענגט דער פסוק (תהלים קטז, יג) **כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא**. (שם ג - ד) **צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא**. די 'רבנן' ברענגען דער פסוק (איוב א, כא) **ה' נָתַן וַה' לָקָח יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ**.

**מען** קען ערקלערן אז די אלע שיטות זענען נישט קיין מחלוקת נאר יעדער איינער קומט צו ארויסלערנען א אנדערע סארט יסורים, אז אויף יעדע פאל דארף מען לויבן און דאנקן דער אויבערשטער.

**עס** איז פארהאן יסורים פון א מענטש וואס איז געווען זייער גרויס און מקורב למלכות, און מען האט אים אראפגענידערט פון זיין גרויסקייט, אויף דעם זאגט דער פסוק **בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר**. 'דבר' איז מרמז אויף גרויסקייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמואל א' י, טז) **דְּבַר הַמְּלוּכָה**, און אזוי אויך (אסתר א, יב) **בִּדְבַר הַמֶּלֶךְ**.

**עס** איז פארהאן יסורים פון עמיצער וואס איז געווען א עושר און איז געווארן א ארימאן, אויף דעם זאגט דער פסוק **חֶסֶד וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה לְךָ ה' אֲזַמֵּרָה**. חסד איז מרמז אויף עשירות און משפט אויף עניות, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (בראשית רבה לג, א, וע"ע בשל"ה הק' עשרה מאמרות מ"ה אות קע"ט).

**און** עס איז פארהאן יסורים פון קרענק און ווייטאג, אויף דעם זאגט דער פסוק **כּוֹס יְשׁוּעוֹת אֶשָּׂא וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא. צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא וּבְשֵׁם ה' אֶקְרָא**, אפילו ווען עס איז א צרה און ווייטאג דארף מען דאנקן דער אויבערשטער.

**און** עס איז פארהאן יסורים פון ח"ו ווען עמיצער פון די נאנטע ווערן נפטר, אויף דעם זאגט דער פסוק **ה' נָתַן וַה' לָקָח יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ**, אפילו ווען דער אויבערשטער נעמט צו פונעם מענטש א נאנטע, דארף מען נאכאלץ דאנקן דער אויבערשטער. (אות ד' ד"ה וזהו)

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר
רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה
בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוך המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

ניע נאמבער
קול זרע שמשון
פאר אידיש דרוקט 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועות • נייעס און אפדעיט'ס •
שמעו ותחי נפשכם
פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:
לשוה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
ענגליש: 3-1 פאר אינהאלטסרייכע אינטערוויוס 1-1-5

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204
צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657
אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'
ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי
זרע שמשון ע"ר 580624120

וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו